# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:23
מוצאי שב"ק.....................8:54

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............משלי ל"א-איוב א'
בבלי.........................זבחים ח'
ירושלמי...............סנהדרין כ"ג
תוספתא............חגיגה פרק א'
רמב"ם......................אישות ד'

פרשת תזריע מצורע, ו' אייר, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ב'
שנה 7, גליון 30 (341)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז דֶער עִיקָּר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז "**תְּפִלָּה - צוּ רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן**", מָשִׁיחַ וֶועט אַײנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"**.

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּן בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶס פֶעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִילְט נִישְׁט אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִילְט נִישְׁט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם**, דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶען אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אײבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִּיק וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַזְרִיעַ א')

***

**בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** אַ מְצֹרָע דַארְף זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה אַלֵיין אוּן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ד) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם, עֶר ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַאן דַארְף עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג אַז נָאר דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אֵיינְמָאל מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ דַאן קְרִיגְט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַלֶעם הָאט נָאר דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

דֶער מְצֹרָע אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקּוּן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי מַחֲנֶה, עֶר זָאל זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען עֶר טוּהְן, עֶר קֶען זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען רֶעדְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, **בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** וֶוען דֶער מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין אִיז עֶר נָאר מִיטְן אײבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן פִירְן מַחְלוֹקֶת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תשס"א לפ"ק)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָּה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו'). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְּרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

פָארְן אִין סְתָּם אַ קָאנְטְרִי וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין רָב אָדֶער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט; אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס רַב מְשַׁרְשִׁיָּא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער (הוֹרָיוֹת יב.): "תִּיבוּ אַקִּילְקְלֵי דְּמָתָא מְחַסְיָא, וְלָא תִּיבוּ אַפַּדְנֵי דְּפוּמְפְּדִיתָא", עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא, ווִי צוּ וואוֹינֶען אִין דִי פַּאלַאצְן פוּן פּוּמְבְּדִיתָא. וַוייל אִין דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא הָאבְּן גֶעוואוֹינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער אִין פּוּמְבְּדִיתָא הָאבְּן גֶעוואוֹינְט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע אִידְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן מָתָא מְחַסְיָא וְכוּ'.

דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט, וואוּ עֶס אִיז מַמָּשׁ אֵיין שְׁטִיק מִיסְט פְּלַאץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, ווִי צוּ גֵיין אִין אַ קָאנְטְרִי וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ב): "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים", אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף רֶעדְן, אִיז דָאס שׁוֹין אַ מוֹשַׁב לֵצִים; אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען פָארְט אִין אַ קָאנְטְרִי אָן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ מוֹשַׁב לֵצִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

**ס'קוּמְט זוּמֶער, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם?**

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א,**

עֶס קוּמְט דִי זוּמֶער טֶעג, אוּן אִיךְ הוֹיבּ שׁוֹין אָן שְׁפִּירְן ווִי אִיךְ ווֶער מְשׁוּגָע, דֶער ווִינְטֶער הָאט זִיךְ בָּרוּךְ ה' פַארְצוֹיגְן אוּן ס'אִיז גֶעווֶען אַבִּיסְל גְרִינְגֶער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, ווֶען עֶס קוּמְט אָבֶּער יֶעצְט דִי הַיְיסֶע זוּמֶער טֶעג הוֹיבְּט זִיךְ אָן מַיְינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיְין צוּ הָאבְּן הַיְילִיגֶע עֶרְלִיכֶע אוֹיגְן?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, חַיִּים**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר,
ט"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיְין בְּרִיווּ.

ווָאס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר זֶענֶען אַלֶע אִינְעֶם זֶעלְבְּן צָרָה; עֶס קוּמְט זוּמֶער אוּן דִי גַאסְן ווֶערְן שְׁרֶעקְלִיךְ. מֶען קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוֹן ווִי חַיּוֹת, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אוֹיסְגֶעטוֹן ווִי דִי חַיּוֹת, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁווֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל קוּקְן ווָאוּ עֶס גְלוּסְט זִיךְ, בִּיז עֶר קִילְט נָאכְדֶעם אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיְין אִידִישְׁקַייט.

אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, ווִי גְרוֹיס אוּן שְׁווֶוער דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הַיְילִיגֶע צַדִּיקִים ווָאס גֶעבְּן אוּנְז עֵצוֹת לוֹחֵם צוּ זַיְין מִיטְן יֵצֶר הָרָע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו): ווֶען עֶס בְּרֶענְט אִינְעֶם מֶענְטְשׁ תַּאֲוַת נִאוּף רַחֲמָנָא לִצְלַן, זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", אוּן: "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט נִיצוֹל ווֶערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעווֶען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): אוֹיבּ מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה זָאל מֶען ווַיְיסְן בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דִי צְווֵיי פְּסוּקִים אוּן דָאס ווֶעט רַאטֶעווֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיְין בְּלָאטֶע; ווַייל ווִי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דָאס רַאטֶעווֶעט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.

נָאךְ אַן עֵצָה גֶעבְּט אוּנְז דֶער הַיְילִיגֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען ווֶעט נִכְשָׁל ווֶערְן ווֶען מֶען גֵייט אִין גַאס מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת זָאל מֶען זָאגְן פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", דוּרְךְ דֶעם ווֶעט עֶר גֶערַאטֶעווֶעט ווֶערְן; אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, ווֶען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, בִּשְׁעַת מֶען קוּשְׁט דִי מְזוּזָה אוּן מֶען הַאלְט דִי הַאנְט אוֹיפְן מְזוּזָה זָאגְט מֶען דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, לֵייג אַרוֹיף דַיְין הַאנְט אוֹיפְן מְזוּזָה אוּן זָאג דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ הִיטְן מַיְינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט ווֶערְן פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע ווָאס ווִיל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דֶער ווֶעלְט אוּן פוּן יֶענֶער ווֶעלְט, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן לֵייג צוּ דַיְינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, דָאס ווֶעט דִיר רַאטֶעווֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער אִיד גֵייט אִין גַאס זוּמֶער אוּן מוּרְמְלְט זִיךְ אוּנְטֶער: "אִיךְ ווִיל קִינְדֶער ווָאס ווֶעלְן אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים", "אִיךְ ווִיל קִינְדֶער ווָאס ווֶעלְן זַיְין עֶרְלִיכֶע אִידְן", הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַה מָּקוֹם לִתְפִלָּה זוֹ?" ווָאס אִיז פְּשָׁט פוּן בֶּעטְן דָא אוֹיפְן גַאס פַאר קִינְדֶער ווָאס ווֶעלְן מְחַדֵּשׁ זַיְין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ רֶעד צוּ מִיר אַלֵיין; אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אַ גְרוֹיסֶע תַּאֲוָה אוֹיפְצוּהֵייבְּן מַיְינֶע אוֹיגְן אוּן קוּקְן אוֹיפְן גַאס וְכוּ', עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁווֶוער צוּ הִיטְן מַיְינֶע אוֹיגְן, אָבֶּער אִיךְ דֶערְמָאן זִיךְ ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה", ווֶער עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן ווֶעט זוֹכֶה זַיְין אַז זַיְינֶע קִינְדֶער ווֶעלְן אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים פוּן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה; דֶערְפַאר רֶעד אִיךְ צוּ מִיר אַלֵיינְס, אִיךְ חָזֵר צוּ מִיר אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ צוּ קוּקְן, ווַייל אַזוֹי ווֶעל אִיךְ הָאבְּן קִינְדֶער ווָאס ווֶעלְן זַיְין עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

BreslevCenter.com\answers

<<<<<<

עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיְינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווָאלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיְין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיְין ווֶען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען ווַייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל ווָאס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְּכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוּן הָכָא", ווֶער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְּנָהִיר?" ווֶער ווַארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג ווֶערְן? דֶער מֶענְטְשׁ ווֶעט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיְין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיְין טוּנְקְלְקַייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר ווַייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקַייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

## מְכַבֵּד זַיְין אַ צְווֵייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הַיְילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוואַנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא ווֶעלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, ווַייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעווֶען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טָאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיְין אַ צְווֵייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה ווָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיְין אַ צְווֵייטְן אִיז ווַייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. ווֶען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר ווַייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער ווֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן ווֶעט עֶר נִישְׁט מְקַנֵּא זַיְין אַ צְווֵייטְן, עֶר ווֶעט נִישְׁט אַוועקְמַאכְן אַ צְווֵייטְן, עֶר ווֶעט ווִיסְן אַז אַלֶעס ווָאס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן ווֶעט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן ווָאס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְווֵייטְן.

ווֶען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן ווֶערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְווָאס אַ צְווֵייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווָאס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵּא דֶעם צְווֵייטְן, אוּן מֶען ווֶערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְווֵייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווָאס מֶען דַארְף. ווֶען אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיְין שְׁפָּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן ווֶעט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיְין קֵיינֶעם, אוּן עֶר ווֶעט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְווֵייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ ווֶען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוֹן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דָן זַיְין לְכַף זְכוּת. ווַייל מִיט דֶעם ווָאס מֶען טוּט דָאס ווֶערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִּינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, ווֶעט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְווֵייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל ווֶען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ ווַייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוֹן דָאס אִיז דָאס" אוּן ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, ווֶערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלֵייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ ווָאס עֶר הָאט גֶעטוֹן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!". אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, ווַייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוֹן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם ווָאס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשָׁט ווָאס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". ווֶען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים ווָאס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים אַ עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר ווַייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְווֵייטְן. אוּן ווִי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'נֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְווֵייטְן, מִיט דֶעם ווֶערְט עֶר גֶערַאטֶעווֶעט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, ווַייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערְצוּ. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג צוּ טוּן אַז ווֶען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען

>>>>>>

>>>>>>
יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְּרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְּרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין 'שְׁוַואכֶער', פַארְוָואס זָאל אִיךְ 'זָאגְן' תּוֹרָה?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אֵייעֶר תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפְרֶעגְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, ס'צִיעֶט מִיר מֶער צוּ לֵיינֶען בִּיכֶער אוּן צַייטוּנְגֶען. אִיךְ מֵיין אַז אִיר הָאט מִיר אָבֶּער נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ שְׁוַואכֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מְ'לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט זִיבְּן יָאר אִין כּוֹלֵל, אוּן אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ מְסַיֵּים גֶעוֶועןְ שַׁ"ס, אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ לֶערְן. הַיינְט לֶערְן אִיךְ אוֹיךְ גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז אִיךְ פַארְלִיר שְׁנֶעל דִי חֵשֶׁק צוּ דִי גְמָרָא, אוּן נָאכְ'ן לֶערְנֶען אַבִּיסְל צִיעֶט מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֵיין לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אוּן בִּיכְלֶעךְ.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן זָאגְן תּוֹרָה אִיז נִישְׁט פַאר מַיין דַרְגָא, דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר שְׁוַואכֶערֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט. אִיךְ בִּין נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם חָלִילָה, אָבֶּער אִיךְ פִּיל אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם אוֹפָן, וֶועט דָאס מִיר אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּקְלַאפְּן.

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת ל"א.) 'שְׁאֵלוֹת הַרְבֵּה יֵשׁ לִי לִשְׁאוֹל וּמִתְיָרֵא אֲנִי שֶׁמָּא תִּכְעַס'...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ, מְנַחֵם**

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, ט"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מְנַחֵם נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דֶער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" אִיז נָאר פַאר שְׁוַואכֶערֶע וְכוּ', דָאס אִיז אַ טָעוּת פוּן דַיין זַייט.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט בְּפֵירוּשׁ: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", אַז מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶעס וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כח) עיי"ש.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, הָאבְּן זֵייעֶר שַׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטְן קָאפּ אוּן דֶער 'דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' אִיז נָאר פַאר שְׁוַואכֶע קֶעפּ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גוּטְן קָאפּ, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסְנְוֵוייניג גַאנְץ שַׁ"ס מִיט אַלֶע תּוֹסְפוֹת, דָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן "זָאגְן" יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה). וֶוען ר' נָתָן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן זַיין טַאטֶע, רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט אִים גֶעזֶען "זָאגְן" מִשְׁנָיוֹת הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "מַיין נָתָנְ'לֶע הֵייסְט עֶר "זָאגְן" ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת?!" אוּן עֶר הָאט

<<<<<<

>>>>>>
אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מַחְלוֹקֶת.

לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ - אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט מְחַלֵּק זַיין; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד".

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ תֵּירוּץ נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אַמָאל הָאט מֶען גֶעקֶענְט הֶערְן אִינְגֶעלַייט קְרֶעכְצְן אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מִיר הָאבְּן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא דֶער תֵּירוּץ, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען.

וָואס טוּט דֶער יֵצֶר הָרַע? עֶר אִיז דָא מִיט אַ נֵייעֶ מְנִיעָה צוּ לֶערְנֶען; עֶר הָאט אַ נֵייעֶ תֵּירוּץ פַאר דִי פוּילֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן תֵּירוּצִים, עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי לֶערְנֶען'; 'אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע קָאפּ'; 'אִיךְ בִּין אַ גֶעזוּנְטֶער לַמְדָן'; אַמָאל הָאט מֶען גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען", אָבֶּער הַיינְט שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר: "אִיךְ לֶערְן נִישְׁט, אִיךְ לֵיין צֵייטוּנְגֶען, אִיךְ גֵיי לֵיידִיג וַוייל 'אִיךְ "קֶען" לֶערְנֶען'".

פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ אַז דֶער "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וֶועט דִיר אַרָאפְּקְלַאפְּן וְכוּ'? פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס, וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס וֶועט דִיר נָאר אוֹיפְהֵייבְּן.

וֶוען ר' נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן לֶעמְבֶּערְג הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֵיי זֶענֶען לַמְדָנִים אָבֶּער מִיר לֶערְנֶען"... עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶען גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" לֶערְנְט מֶען נִישְׁט, יֶעדְן טָאג הָאט מֶען אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ וְכוּ', הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֵיי זֶענֶען טַאקֶע לוֹמְדִים, אָבֶּער מִיר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

דוּ שְׁרַייבְּסְט (שַׁבָּת לא.): "שְׁאֵלוֹת הַרְבֵּה יֵשׁ לִי לִשְׁאוֹל, וּמִתְיָרֵא אֲנִי שֶׁמָּא תִּכְעוֹס"; אַדְרַבֶּה, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן דַיינֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן גֶעדֶענְק וָואס הִלֵּל הַזָּקֵן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הֱוֵי זָהִיר בְּרוּחֲךָ"...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

BreslevCenter.com\answers

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

## פושקע קאמפיין

אזוי ווי דער פארלאנג ווערט גאר גרויס פון אידן וואס ווילן האבן א פושקע פון אונזערע הייליגע מוסדות ביי זיך אינדערהיים, צו קענען האבן די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ'ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט.

**דעריבער מעלדן מיר דא די נומערן פון די עסקנים אין אלע היימישע געגנטער, וואו מ'קען ביי זיי באקומען א פושקע, ווי אויך אויסצולייזן א פולע פושקע און באקומען א נייע.**

**וויליאמסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**

**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקודש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## "כולל היכל הקודש" געגרינדעט אין וויליאמסבורג

צום נייעם זמן האבן זיך געעפנט די טויערן צום נייעם "כולל היכל הקודש" אין וויליאמסבורג, פאר אינגעלייט מאנשי שלומינו וואס תורתם אומנתם, און ווילן זיך משלים זיין אין מקצועות התורה.

אזוי ווי עס האט זיך פארמערט אינגעלייט וואס האבן א געשמאק אין זיצן און לערנען א גאנצן טאג, זיי ווילן זיך משלים זיין אין די הייליגע תורה, האט דער ראש ישיבה שליט"א באשלאסן צו עפענען דעם נייעם כולל, וואס האט זיך אנגעהויבן די וואך מיט גרויס הצלחה ברוך ה', די אינגעלייט זיצן און לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה.

דעם זמן האט מען אנגעהויבן מיט הלכות שבת, צו לערנען און זיך משלים זיין אין די וויכטיגע הלכות וואס זענען כהררים התלוים בשערה. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער נייער כולל האבן גרויס סוקסעס, להגדיל תורה ולהאדירה.

**יגדיל תורה ויאדיר!**

***

## פרויען פארטי געווען א גרויסע סוקסעס

דעם זונטאג איז פארגעקומען די יערליכער פארטי לטובת מוסדותינו הקדושים אין די זאלן פון "עטרת אפפעל" אינעם בנין הישיבה. די פארטי האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין גאר אן אויסערגעווענליכע סוקסעס.

פילע הונדערטער פרויען האבן אנטייל גענומען ביי די פארטי, און זיך משתתף געווען מיט גאר שיינע סכומים, פארשטייענדיג די געוואלדיגע מצוה פון ארויסהעלפן אזעלכע הייליגע מוסדות אין וואס די טייערע קינדער ווערן מחונך מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן, און האבן א חלק אין די הייליגע מוסדות וואס איז א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט, ווען צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די וועלט שעפן חיות און התחזקות פון אט די הייליגע מוסדות.

די פרויען וועלכע האבן נישט געקענט אנטייל נעמען ביי די פארטי, קענען נאך אריינרופן אין אפיס איבערצוגעבן זייער ברייטהארציגע נדבה, 718-384-1652 עקס. 101. אדער קען מען מנדב זיין מיט א קרעדיט קארד אויפ'ן אויטאמאטישן סיסטעם, דורכ'ן רופן די פרויען האטליין אויף 212-444-9169 און דערנאך דרוקן 9 און 1.

**חכמות נשים בנתה ביתה!**

***

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

די בחורים פון ישיבה פרייען זיך מיט די שמחה פון נאך א תלמיד הישיבה וואס איז א חתן געווארן למזל טוב, הבחור החתן יואליש קרויס נ"ו, בן מוה"ר משה יעקב יוסף שליט"א פון מאנטשעסטער, וואס איז חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מוה"ר פנחס בונקער שליט"א, ממשפיעי ברסלב בירושלים עיה"ק.

דער חתן איז ברייט באקאנט מיט זיינע גרויסע פעולות אין הפצה, אויסער זיין געוואלדיגע התמדה וואס ער איז געזיצן אין ישיבה און געלערנט מיט גרויס פלייס, גייט ער אויך ארום גאר אסאך צו מפיץ זיין די גליונות, קונטרסים, ספרים, און סידי'ס, וואס מיט דעם האט ער שוין מחיה געווען און מחזק געווען פילע צענדליגע טויזנטער אידן, און זיי מקרב געווען לאבינו שבשמים.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער שידוך זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה ישעי' בערגער הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה דוד פאמעראנץ הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן יואליש קרויס נ"ו**

**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** > 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן